LIT 7508

יצחק באַשעוויס

# אַליין

ס׳האָט אָפט געטראָפן אַז כ׳האָב אַרויסגעבראַכט אַ וואונש וואָס איז מיר אַליין פאַרגעקומען נישט געמאָלט ער זאָל ווערן וואָר, אָבער ס׳איז גענוי געשען ווי כ׳האָב באַגערט. דערביי איז מיר אַלץ אויסגעפאַלן קאַפויר, אַשטייגער ווי די פאַרהוילענע כוחות וואָלטן מיר געוויזן אַז כ׳פאַרשטיי נישט די אייגענע געברויכן. אַזוי האָט פּאַסירט יענעם זומער אין מיאַמי ביטש. כ׳האָב געוואוינט אין אַ גרויסן און געפּאַקטן האָטעל, פול מיט אַמעריקאַנער וואָס לײדן, ווי איך, פון היי־פיבער, און אויך פול מיט טוריסטן פון קובאַ, וואָס אַקעגן די דאָרטיקע היצן איז אין פלאָרידאַ כלומרשט קיל. אַלץ איז מיר געוואָרן איבערדריסיק; דאָס פּליוסקען זיך אין ים צוזאַמען מיט דעם רוישיקן געזינדל, דאָס הערן אַ גאַנצן טאָג דאָס שפּאַנישע לשון, דאָס עסן די צו־זעטיקע מאָלצייטן. ווען כ׳האָב געלייענט אַ יידישע צייטונג אָדער אַ יידיש בוך, האָט מען געקוקט אויף מיר דערשטוינט. איינמאָל ווען כ׳בין געגאַנגען אַליין אויף אַ שפּאַציר, האָב איך אַ זאָג געטאָן אויפ׳ן קול:

כ׳וואָלט געוואָלט זיין איינער אַליין אין אַ האָטעל. כ׳זאָל מיך נישט דאַרפן טיילן מיט קיינעם!

גלייך האָט אַ שרעטל, ווייזט־אויס, אויפגעכאַפּט מיין וואונטש, (אָדער שפּרוך) און פאַרשפּרייט אַ נעץ. צומאָרגנס אינדערפרי ווען כ׳בין אַראָפּ צו פרישטיק, האָב איך באַגעגנט אין פאָדער־זאַל אַ האַרמידער. דער עולם איז געשטאַנען אין בינטלעך. מ׳האָט גערעדט העכער ווי געווינלעך. ס׳זענען געלעגן אָנגעהויפט שטויסן וואַליזעס. די באַדינער זענען אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק, געשטופּט קליידער־הענגערס אויף רעדלעך. כ׳האָב געפרעגט עמיצן וואָס דאָ טוט זיך און יענער האָט געענטפערט: איר האָט נישט געהערט די מעלדונג דורכ׳ן מיקראָפאָן? מ׳שליסט דאָס האָטעל. — פאַר־וואָס עפּעס? — האָב איך צוריקגעפרעגט. — זיי זענען באַנקראָט! — האָט יענער גערופן און זיך פון מיר אָפּגעקערט. ס׳איז אַלץ געווען אַ רעטעניש. לויט מיין איינזען, האָט דער האָטעל געטאָן גוטע ביזנעס. נו, און ווי אַזוי ליקווידירט מען עפּעס מיך־נישט־דיר־נישט אַ האָטעל מיט הונדערטער געסט? אָבער כ׳האָב מיך שוין געהאַט צוגעוואוינט אין אַמעריקאַ נישט צו פרעגן קיין קשיות. מ׳האָט שוין באַצייטנס געהאַט אָפּגעשטעלט דעם קילונג־סיסטעם. די לופט איז געוואָרן לעבלעך און איבלדיק. אַ לאַנגע רייע האָט זיך אויסגעשטעלט ביים קאַסע־פענסטערל באַצאָלן דעם רעכענונג. אַלץ איז געוואָרן הפקר׳דיק. מ׳האָט שוין געוואָרפן אויפן מאַרמאָרנעם דיל רעשטלעך פון פּאַפּיראָסן. קינדער האָבן געריסן די בלעטער און בלומען פון די טראָ־פּישע פלאַנצן אין די עמערס ערד. עטלעכע דרום־אַמעריקאַנער וואָס האָבן די גאַנצע צייט געשפּילט די ראָל פון שפּאַניער, האָבן פלוצים גענומען רעדן יידיש. איך האָב געהאַט ווייניק באַגאַזש: איין וואַליזע. כ׳האָב זי גענומען און בין אַוועק זוכן אַן אַנדער האָטעל. די זון האָט שוין אינדרויסן געבריט און כ׳האָב מיר דערמאָנט אָן אלוני ממרא און ווי גאָט האָט אַרויסגעצויגן די זון פון פוטערפאַס ס׳זאָלן נישט קומען צו אברהמ׳ען קיין אורחים. כ׳בין געוואָרן עפּעס ווי האָפערדיק. ס׳האָבן זיך געהאַט אויף אַ ווייל אומגעקערט די בחור׳ישע צייטן ווען כ׳האָב איינגעפּאַקט מיין האָב־און־גוטס אין אַ רענצל און אין פינף מינוט געדונגען אַ צימער.

כ׳גיי פאַרביי אַ האָטעל און ער זעט מיר אויס אָפּגעלאָזן. ס׳הענגט אַן אויפשריפט אַז מ׳קריגט דאָ שפּעט אין סעזאָן אַ צימער פאַר צוויי דאָלאַר אַ טאָג. וואָס קאָן שוין זיין ביליקער? כ׳גיי אַריין. די טעמפּעראַטור איז נישט רעגולירט. הינטער דעם טיש־באַנק שטייט אַ מיידל מיט אַ הויקער פון פאָרנט און פון הינטן און מיט שוואַרצע שטעכיקע אייגעלעך. כ׳פרעג זי צי כ׳קאָן דאָ קריגן אַ צימער און זי ענטפערט לוסטיק:

— דער גאַנצער האָטעל איז פאַר אייך.

— ס׳איז דאָ קיינער נישטאָ?

— קיינער נישט.

זי לאַכט און ווייזט אַ מויל מיט שיטערע ציין. זי רעדט ענגליש מיט אַ שפּאַנישן אַקצענט. זי זאָגט מיר אַז זי איז אַ קובאַנערין. כ׳אַקצעפּטיר גלייך. דאָס הויקערל פירט מיך אַרויף אין אַ קליינער ווינדע אויפן דריטן שטאָק. דער קאָרידאָר איז לאַנג און האַלב־פינסטער. ס׳גלימערט דאָ אַן איינציק לעמפּל. זי עפנט אַ טיר און לאָזט מיך אַריין ווי אַ חיה אין שטייג, אָדער ווי אַ געפאַנגענעם אין אַ תפיסה־קאַמער. דאָס פענסטער האָט אַ מאָס־קיטאָ־נעץ און קוקט אַרויס צום אַטלאַנטיק. די פאַרב אויף די ווענט איז אָפּבלאַקירט און שיילט זיך. דער טעפּיך איז צעטרעטן און צעטעפּעט. אין באָד־צימער שמעקט מיט פייכטקייט, אין דער קליידער־שאַנק — מיט אויס־שפּריצעכץ קעגן מולן. דאָס בעטגעוואַנד איז ריין, אָבער פייכטלעך. כ׳פּאַק־אויס מיינע זאַכן און כ׳בין שוין באַזאָרגט מיט אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ. כ׳גיי אַראָפּ אונטן. אַלץ איז בלויז פאַר מיר: דעם שווים־באַסיין, די פּליאַזשע, דער ים. ס׳שטייען דאָ צולייג־שטולן וואָס דאָס געוואַנד איז פון זיי האַלב־אָפּגעריסן. אַלץ איז הייס פון דער זון. דאָס וואַסער איז געל, די כוואַליעס —

# *Alone*

I

Many times in the past I have wished the impossible to happen—and then it happened. But though my wish came true, it was in such a topsy-turvy way that it appeared the Hidden Powers were trying to show me I didn't understand my own needs. That's what occurred that summer in Miami Beach. I had been living in a large hotel full of South American tourists who had come to Miami to cool off, as well as with people like myself who suffered from hay fever. I was fed up with the whole business—splashing about in the ocean with those noisy guests; hearing Spanish all day long; eating heavy meals twice each day. If I read a Yiddish newspaper or book, the others looked at me with astonishment. So it happened that taking a walk one day, I said out loud: "I wish I were alone in a hotel." An imp must have overheard me for immediately he began to set a trap.

When I came down to breakfast the next morning, I found the hotel lobby in confusion. Guests stood about in small groups, their voices louder than usual. Valises were piled all over. Bellboys were running about pushing carts loaded with clothing. I asked someone what was the matter. "Didn't you hear the announcement over the public address system? They've closed the hotel." "Why?" I asked. "They're bankrupt." The man moved away, annoyed at my ignorance. Here was a riddle: the hotel was closing! Yet so far as I knew, it did a good business. And how could you suddenly close a hotel with hundreds of guests? But in America I had decided it was better not to ask too many questions.

The air conditioning had already been shut off and the air in the lobby was musty. A long line of guests stood at the cashier's desk to pay their bills. Everywhere there was turmoil. People crushed out cigarettes on the marble floor. Children tore leaves and flowers off the potted tropical plants. Some South Americans, who only yesterday had pretended to be full-blooded Latins, were now talking loudly in Yiddish. I myself had very little to pack, only one valise. Taking it, I went in search of another hotel. Outside the burning sun reminded me of the Talmudic story of how, on the plains of Mamre, God had removed the sun from its case so that no strangers would bother Abraham. I felt a little giddy. The days of my bachelorhood came back when, carefree, I used to pack all my belongings in one valise, leave, and within five minutes find myself another room. Passing a small hotel, which looked somewhat run-down I read the sign: "Off-Season Rates from $2 a Day." What could be cheaper? I went inside. There was no air conditioning. A hunchbacked girl with black piercing eyes stood behind the desk. I asked her if I could have a room.

"The whole hotel," she answered.

"No one is here?"

"Nobody." The girl laughed, displaying a broken row of teeth with large gaps between. She spoke with a Spanish accent.

She had come from Cuba, she told me. I took a room. The hunchback led me into a narrow elevator, which took us up to the third floor. There we walked down a long, dark corridor meagerly lit by a single bulb. She opened a door and let me into my room, like a prisoner into his cell. The window, covered by mosquito netting, looked out over the Atlantic. On the walls the paint was peeling, and the rug on the floor was threadbare and colorless. The bathroom smelled of mildew, the closet of moth repellent. The bed linen, though clean, was damp. I unpacked my things and went downstairs. Everything was mine alone: the swimming pool, the beach, the ocean. In the patio stood a group of dilapidated canvas chairs. All around the sun beat down. The sea was yellow, the waves low and lazy, barely moving, as if they too

נידריק־פויל. קוים וואָס זיי באַוועגן זיך, ווי מיד פון דער חמימה. זיי שוימען פון יוצא־וועגן און צו ווייזן אַז ס׳איז נישט אויסגעגאַנגען פון זיי די אַמאָליקע גבורה. אַן איינציקע מעווע שטייט ביים ברעג און קווענקלט זיך: פּרוּוון כאַפּן אַ פיש, אָדער נישט? מיר דוכט זיך אַז זי האָט נישט קיין אַפּעטיט. מרה־שחורה איז פאַרבונדן אין מיין געדאַנק מיט הערבסטיקער טריבקייט, אָבער דאָ גענייצט אַ זוניקע מרה־שחורה. ס׳קומט מיר פאָר ווי דאָס מענטשלעכע מין וואָלט דורך עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע אונטערגעגאַנגען און איך בין דאָ געבליבן, אַ נח אָן זיהן, אָן אַ ווייב, אָן חיות, מיט אַ ליידיקער תבה. כ׳וואָלט מיך אַפילו דאָ געקענט באָדן נאַקעט. כ׳טו פונדעסטוועגן אָן דעם באָד־קאָסטיום און גיי אַריין אין וואַסער, וואָס איז וואַרעם ווי אין אַ וואַנע, אָנגעהיצט פון גאָלף־שטראָם. ס׳שווימען דאָ אַרום בינטלעך ים־גראָז. אַזוי ווי אין פריערדיקן האָטעל האָט מיך פּאַראַליזירט די שעמעוודיקייט, אַזוי בין איך דאָ באַנומען פון דער אָפּגעזונדערטקייט. ווי אַזוי שפּרינגט מען עפּעס און מ׳מאַכט זיך נאַריש אין אַן אויסגעליידיקטן פּלאַנעט? כ׳קאָן אַביסל שווימען, אָבער כ׳האָב מורא. ווער וועט מיך דאָ ראַטעווען אויב אַלץ זאָל נישט צוגיין ווי געהעריק? ווי באַלד די פאַרהוילענע מאַכט האָט נאָכגעגעבן מיין פאַרלאַנג און מיר צוגעשטעלט אַ ליידיקן האָטעל, קאָן זי מיר אויך אונטערשיקן אַ ווירבל־שטראָם, אַ טיף לאָך אין באָדן, אַ האַי־פיש, אַ ים־שלאַנג אָדער אַן אַנדער שטרויכלעניש. יענע וואָס שפּילן זיך מיט פאַרבאָרגענישן מוזן זיין טאָפּלט געוואָרנט.

נאָך אַ ווייל שפּאַן איך אַרויס פון ים און לייג זיך צו אויף איינעם פון די הינקנדיקע צולייג־שטולן. מיין לייב איז ווייס, דער שאַרבן איז נאַקעט. די אויגן זענען פאַרשטעלט מיט זון־ברילן, אָבער דאָס ליכט בלענדט דורך די שוואַרצע שערבעלעך. דער הימל איז בלאַס־בלוי, אָן אַ וואָלקנדל. די לופט שמעקט מיט זאַלץ, פיש, מאַנגאָ־פרוכט און מיט טראָפּישער רו. דער אונטערשיד צווישן דעם אָרגאַנישן און דעם נישט־אָרגאַנישן איז דאָ אַ נישטיקער. מ׳שפּירט באַשיינפּערלעך ווי אַלץ אָטעמט, וואַקסט, גלוסט — יעדעס שטיינדל, יעדעס זעמדעלע. די צנורות וואָס דורך זיי נידערט־אַראָפּ די הימלישע גנאָד, זיינען דאָ אָפן און מ׳דערקענט אַן אמת אַזאַ וואָס אין די צפון־געגנטן איז ער אומצוטריטלעך. כ׳האָב פאַרלוירן אַלע אַמביציעס. כ׳בין דרום־אַמעריקאַניש פויל. כ׳לייג אַלץ אָפּ אויף מאַניאַנאַ — מאָרגן. די פאַרוועלעכצער מיינע זענען קליינלעך און גשמיות׳דיק: אַ גלאָז לעמאָנאַד אָדער מאַראַנצן־זאַפט. כ׳פאַנטאַזיר ס׳זאָל זיך דאָ אַריינציען אַ פרוי וואָס איז גיריק נאָך ליבע און כ׳זאָל פאַרוועבן מיט איר אַ צייטווייליק ליבע־געוועב. ניין, איינער אַליין איז נישט גוט. כ׳האָב נישט געמיינט אַליין, נאָר אין צווייען. דאָס שרעטל האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, אָדער זיך געמאַכט נישט־פאַרשטייענדיק.

כ׳הער זיך צו צו מיר אַליין. כ׳פאַרנעם ווי דאָס בלוט ריזלט אין די אָדערן און מאָנט. כ׳וויל, ווי אַלע שרצים וואָס ווידמען זיך אין געמויזעכץ, זיך פּרוכפּערן און מערן, אָדער אַמווייניקסטן מאַכן דעם אָנשטעל. כ׳וויל איינרעדן אַ גוף אַז כ׳האָב אים ליב. כ׳בין גרייט צו פאַרקוקן אַלע עסטעטישע פאָדערונגען, צו פאַרדעקן די בושה מיט אַ ליילעך, צו פאַרמאַכן די אויגן און, ווי אַ בלינדער, אינגאַנצן זיך איבערצוענטפערן דעם חוש המישוש. דערביי הער איך נישט אויף פילאָזאָפירן. די אייביקע פראַגן שאַרכן אָן אויפהער ביי מיר אין מאַרך. ווער פירט פאָרט דאָס רעדל? איז עס די סובסטאַנץ מיט דער אומענדלעכער צאָל אַטריבוטן? איז עס די מאָנאַדע פון אַלע מאָנאַדן? איז עס דער אַבסאָלוט, דער בלינדער ווילן, דאָס אומבאַוווסטע? עפּעס אַ האַפּט מוז דאָך שטעקן הינטער אַלע פאַרבלענדענישן.

ניין, כ׳בין נישט איינגאַנצן אַליין אויף דער וועלט. אויפ׳ן ים, וואָס איז ביים ברעג אייליק־געל און ווייטער־צו גלאָזיק־גרין, שווימט אַ זעגל־שיף. דער זעגל גייט אויפן וואַסער ווי אַ מת אין תכריכים. ער שאָקלט זיך און פּרוּווט עפּעס אַרויס׳כישופ׳ן פון אָפּגרונט. אַן עראָפּלאַן פליט־אָן און ס׳שלעפּט זיך אים נאָך אַ שילד: מרגלית׳עס רעסטאָראַן, כשר, זיבן שפּייזן, אַ דאָלאַר מיט פינף און זיבעציק סענט.

הייסט עס, דער באַשאַף האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט צו תוהו ובוהו. אין מרגלית׳עס רעסטאָראַן סערווירט מען נאָך קאַשע מיט יויך, מאַנדלען מיט יויך, קנישעס, געפילטע קישקע. אויב אַזוי, וועל איך אפשר מאָרגן קריגן אַ בריוו. די פּאָסט איז דאָ אין מיאַמי דער איינציקער צייכן אַז כ׳האָב נאָך אַ צוזאַמענהאַנג מיט דעם וועלט־יאַריד. כ׳בין יעדעס מאָל פאַרחידוש׳ט וואָס ערגעץ־וואו נעמט זיך אַ האַנט די מי אָנצושרייבן אויף אַ קאָנווערט מיין נאָמען, אָנצוקלעפּן מאַרקעס. כ׳לייען יעדע שורה נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. כ׳זוך רמזים אין יעדן וואָרט און אַפילו אויף דער אַנדערער זייט וואו דאָס פּאַפּיר איז פול מיט ווייסער נישט־דערזאָגטקייט. מ׳האָט מיר צוגעזאָגט אַריבערצושיקן די פּאָסט אין ליידיקן האָטעל...

## 2

ווי לאַנג ס׳קאָן זיין אַ טאָג אַז מ׳איז אַליין! כ׳האָב געלייענט אַ בוך און צוויי צייטונגען. כ׳האָב געטרונקען קאַווע אין אַ קאַפעטעריע און באַשיידט אַ רעבוס אין אַ בלאַט־צייטונג. כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ געשעפט וואו מ׳ליציטירט אָריענטאַלישע טעפּיכער און בין אַריין אויף אַ ווייל אין אַ פירמע וואָס פאַרקויפט אַקציעס פון וואָל סטריט. צוואָר, כ׳געפין זיך אין מיאַמי ביטש, אָבער כ׳בין אָפּגעריסן פון אַלעמען ווי אַ גייסט. כ׳בין אַריין אין ביבליאָטעק און עפּעס געפרעגט ביי דער ביבליאָטעקאַרין, אָבער זי האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן. כ׳האָב מיך פאַרגליכן צו אַ געשטאָרבענעם, וואָס אויף אַ ווייל האָט ער איבערגעלאָזט אַ בלויז, אָבער באַלד האָבן די פּעדים פון מענטשלעכן געהאָפּט זיך ווידער צונויפגעוועבט און ער איז אויסר׳ן תחום פון לעבן. די האָטעלן זענען געשטאַנען יעדער מיט זיינע דעקאָראַציעס און אַטראַקציעס. די פּאַלמען האָבן צונויפגעצויגן די האַלב־אָפּגעוועלקטע פּעכערס, געטראָגן די שווערע קאָקוס־ניס ווי דריזן. אַפילו אין דעם געגליטש פון די אויטאָמאָבילן איבערן אַספאַלט האָט געהויערט אַ פאַרגליווערטקייט. אַלץ האָט זיך געטאָן עפּעס ווי פון זיך אַליין, מיט דעם אויטאָמאַטיזם וואָס איז אפשר דער קווינט־עסענץ פון אַלדאָס דאָזיין.

were fatigued by the stifling heat. Only occasionally, out of duty, they tossed up a few specks of foam. A single seagull stood on the water trying to decide whether or not to catch a fish. Here before me, drenched in sunlight, was a summer melancholy—odd, since melancholy usually suggests autumn. Mankind, it seemed, had perished in some catastrophe, and I was left, like Noah—but in an empty ark, without sons, without a wife, without any animals. I could have swum naked, nevertheless I put on my bathing suit. The water was so warm, the ocean might have been a bathtub. Loose bunches of seaweed floated about. Shyness had held me back in the first hotel—here it was solitude. Who can play games in an empty world? I could swim a little, but who would rescue me if something went wrong? The Hidden Powers had provided me with an empty hotel—but they could just as easily provide me with an undertow, a deep hole, a shark, or a sea serpent. Those who toy with the unknown must be doubly careful.

After a while I came out of the water and lay down on one of the limp canvas beach chairs. My body was pale, my skull bare, and though my eyes were protected by tinted glasses, the sun's rays glared through. The light-blue sky was cloudless. The air smelled of salt, fish, and mangoes. There was no division, I felt, between the organic and the inorganic. Everything around me, each grain of sand, each pebble, was breathing, growing, lusting. Through the heavenly channels, which, says the Cabala, control the flow of Divine Mercy, came truths impossible to grasp in a northern climate. I had lost all ambition; I felt lazy; my few wants were petty and material—a glass of lemonade or orange juice. In my fancy a hot-eyed woman moved into the hotel for a few nights. I hadn't meant I wanted a hotel completely to myself. The imp had either misunderstood or was pretending to. Like all forms of life, I, too, wanted to be fruitful, wanted to multiply—or at least to go through the motions. I was prepared to forget any moral or aesthetic demands. I was ready to cover my guilt with a sheet and to give way wholly, like a blind man, to the sense of touch. At the same time the eternal questions tapped in my brain: Who is behind the world of appearance? Is it Substance with its Infinite Attributes? Is it the Monad of all Monads? Is it the Absolute, Blind Will, the Unconscious? Some kind of superior being has to be hidden in back of all these illusions.

On the sea, oily-yellow near the shore, glassy-green farther out, a sail walked over the water like a shrouded corpse. Bent forward, it looked as if it were trying to call something up from the depths. Overhead flew a small airplane trailing a sign: MARGOLIES' RESTAURANT—KOSHER, 7 COURSES, $1.75. So the Creation had not yet returned to primeval chaos. They still served soup with kasha and kneidlach, knishes and stuffed derma at Margolies' restaurant. In that case perhaps tomorrow I would receive a letter. I had been promised my mail would be forwarded. It was my only link, in Miami, with the outside world. I'm always amazed that someone has written me, taken the trouble to stamp and mail the envelope. I look for cryptic meanings, even on the blank side of the paper.

## II

When you are alone, how long the day can be! I read a book and two newspapers, drank a cup of coffee in a cafeteria, worked a crossword puzzle. I stopped at a store that auctioned Oriental rugs, went into another where Wall Street stocks were sold. True, I was on Collins Avenue in Miami Beach, but I felt like a ghost, cut off from everything. I went into the library and asked a question—the librarian grew frightened. I was like a man who had died, whose space had already been filled. I passed many hotels, each with its special decorations and attractions. The palm trees were topped by half-wilted fans of leaves, and their coconuts hung like heavy testicles. Everything seemed motionless, even the shiny new automobiles gliding over the asphalt. Every object continued its existence with that effortless force which is, perhaps, the essence of all being.

כ'האָב געקויפט אַ זשורנאַל, אָבער ווי נאָר כ'האָב איבערגעלייענט דעם ערשטן אָפּזאַץ, בין איך געוואָרן זאַט פון דער לעקטור. כ'בין איינגעזעסן אין אַן אויטאָבוס און זיך געלאָזט פירן אָן אַ צוועק איבער בריקן, אינזלען מיט פּאַלמען, גאַסן מיט ווילעס. מ'האָט געהאַט באַבויט די מדבר, זי באַפּלאַנצט מיט ביימער און בלומען פון פאַרשידענע קלימאַטן, אויסגעפילט פלאַכע ערטער אין ים, באַוויזן וואונדער אין אַרכיטעקטור און געפּלאַנטער עולם־הזה, פונדסטעוועגן איז דאָ געבליבן אַ מדבר'דיקע לאַנגווייל וואָס קיין שום דזשאַז קאָן נישט פאַרווישן, קיין שום פאַרב — פאַרטושן. כ'בין פאַרביי אַ קאַקטוס וואָס צווישן די נאָדלען זיינע און פאַרשטויבטע שטעכלקעס האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ רויטע בלום. כ'בין פאַרבייגעפאָרן אַן אָזערע, וואָס אַרום איר זענען געשטאַנען מחנות פלאַמינגאָס, געלופטערט די פליגל, געשפּיגלט די לאַנגע שנאָבלען, די ראָזע פעדערן — אָפּגעהאַלטן אַ פויגלשע אסיפה. ווילדע קאַטשקעס זענען אָנגעפלויגן פון ערגעץ מיט אַ קראַקעניש. דער דזשונגל האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. מ'האָט אים נישט געקאָנט פאַרטרייבן מיט קיין קמיעות פון דער ציוויליזאַציע.

כ'האָב אַרויסגעקוקט דורך דעם אָפענעם פענסטער פון אויטאָבוס און ווי וואויל אַלץ איז ניי, איז אַלץ אַלט און מיזאָם: די באָבעס מיט די געפאַרבטע האָר און די גערוזשטע באַקן, די מיידן וואָס האָבן בלויז צוגעדעקט די שאַנד, די אָפּגעברענטע יונגען וואָס זיינען געפאָרן אויף וואַסער־סקי און דערביי געזופּט קאָקאַ־קאָלאַ. דער אַלטער וואָס איז געלעגן אויפן דעק פון דער יאַכט מיטן ווייס־האָריקן ברוסט־קעסטל אַרויף און געוואַרעמט די רעאומאַטישע פיס, האָט געשמייכלט הבל־הבלים'דיק, מיט דער אָפּגענאַרטקייט פון יענע וואָס האָבן שוין אַלץ דערגרייכט. די נקבה וואָס איר האָט ער אָפּגעשריבן זיין פאַרמעגן, האָט מיאוס געגראַבלט צווישן די פיס־פינגער מיט די צונטער־רויטע נעגל, זיכער מיט איר צויבער ווי מיטן מאָרגנדיקן טאָג. דער הונט האָט מיט מיליאָנערישער גאווה געגלאָצט אויף דער וואַסער־דיקער שטריק וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דעם סטער, געגענעצט און זיך אָפּגעשאָקלט ווי פון אַ בייז אויסדוכטעניש.

ס'האָט לאַנג געדויערט ביז דער אויטאָבוס האָט דערגרייכט די לעצטע סטאַציע און דאָרט בין איך איינגעזעסן אין אַן אַנדער אויטאָבוס. כ'בין פאַרביי אַ האַפן וואו מ'האָט געוואויגן — און אפשר אויך פאַרקויפט — ערשט־געכאַפּטע פיש. די וואונדיק־געפלעקטע הויטן, די אויסטערלישע קאָלירן, די פאַרגלייזטע אויגן, די שטעכיקע ציין, די בלוט־פאַרגליווערטע מיילער האָבן עדות געזאָגט אויף אַ רשעות טיף ווי דער תהום. די פישער־יונגען און ספּאָרטסלייט האָבן זיך געפריידט מיט אַן אומריינער פרייד. מיר זענען פאַרביי אַ פאַרם פון שלאַנגען, אַ קאָלאָניע פון מאַלפּעס, הייזער אויפגעגעסענע פון טערמיטן, מאָך־פאַרצויגענע וואַסערן וואו ס'זיינען אַרומגעשוואומען די אוראייניקלעך פון דעם נחש הקדמוני. ווער ס'האָט געשיפּעט און ווער ס'האָט געהוילט. פּאַפּוגייען האָבן געשריגן מיט סקריפּענדיקע קולות. פון מאָל צו מאָל איז אַריין דורכן פענצטער אַן אומבאַקאַנט געשטאַנק, אָדער פּערפומען וואָס דער אַראָמאַט זייער איז אַזוי געדיכט אַז מ'קריגט פון אים אַ קאָפּ־ווייטאָג.

דאַנקען גאָט, אַ זומער־טאָג איז נישט אַזוי לאַנג אין דרום — נענטער צום עקוואַטאָר — ווי אין צפון. דער אָוונט איז צוגעפאַלן פלוצים, כמעט אָן אַ דערמערונג. איבער די קאַנאַלן און וועגן האָט זיך אויסגעלייגט אַן אור־וואַלדיקע פינצטערניש וואָס קיין שום לאַמטערן קאָן זי נישט דורכלויכטן. די אויטאָמאָבילן האָבן אָנגעצונדן די רעפלעקטאָרן, זיך געגליטשט אויף גאָט'ס באַראָט. די לבנה איז אַרויסגעקומען משונה־גרויס און משונה־רויט. זי האָט געהאָנגען אין הימל ווי אַ ריזיקער גלאָבוס מיט אַ מאַפּע נישט־פון־דער־וועלט. ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט נס און פאַרענדערונג אין מעשה־בראשית. ס'האָט זיך אויפגעוועקט אין מיר די קיינמאָל נישט אויפגעגעבענע האָפנונג: אפשר איז מיר באַשערט בייצוואוינען אַ קאָסמישע איבערקערעניש? אפשר וועט די לבנה אַראָפּפאַלן? אפשר וועט די ערד זיך אָפּרייסן פון גראַוויטאַציע־פעלד פון דער זון און אַוועקוואַנדערן צו נייע קאָנסטעלאַציעס?

דער אויטאָבוס האָט אַזוי לאַנג געפויזעט אין אומבאַקאַנטע מקומות ביז ער האָט זיך אומגעקערט צו לינקאָלן ראָוד, צווישן די גרויסאַרטיקע מאַגאַזינען וואָס שטייען זומער האַלב־פּוסט, אָבער זענען פונדעסטוועגן באַזאָרגט מיט אַלץ וואָס אַ רייכן טוריסט קאָן זיך פאַרוועלן: אַ פוטער פון הערמעלין, אַ בריליאַנט פון צוועלף קאַראַט, אַ קאָלנער פון טשינטשילאַ־פעלן, אַן אָריגינעלע צייכענונג פון פּיקאַסאָ. די אויסגעפּוצטע פאַרקויפער און פאַרקויפערינס האָבן געשמועסט צווישן זיך אין די קילע געשעפטן און אויסגעקוקט אַ קונה, זיכער אין דעם כלל אַז הינטער דער נירוואַנאַ פּולסירט די קאַרמאַ. נישט־הונגעריקערהייט בין איך אַריין אין אַ רעסטאָראַן און די קעלנערין מיט די פריש־פּלאַטינירטע און עלעקטריש־אָנדולירטע האָר האָט מיר צוגעטראָגן אַ רייך מאָלצייט. זי האָט מיך באַדינט פּרעציז און שטיל. כ'האָב איר איבערגעלאָזט אַ האַלבן דאָלאַר. ווען כ'בין צוריק אַרויס אינדרויסן, האָט מיר געקלעמט אין מאָגן, געשווערט אין קאָפּ. אַ שפּעט־נאַכטיקע היץ האָט געבאַקן. די לופט האָט געשטיקט. אַ נעאָן־שילד אויף אַ שטאָטיש געביי האָט געמאָלדן אַז די טעמפּעראַטור האָט דערגרייכט צו זעקס־און־ניינציק און אַז די פייכטקייט איז פון זעלבן גראַד. כ'האָב נישט געדאַרפט קיין וועטער־נביא. ס'האָט שוין באַצייטנס געבליצט אין אָנגעגליטן הימל, כאָטש אָן דונערן. אַ קאָלאָסאַלער וואָלקן, געדיכט ווי אַ באַרג, האָט אַראָפּגענידערט פון די הויכענישן, פול מיט פייער, פול מיט וואַסער. איינציקע טראָפּעלעך זענען געפאַלן אויף מיין פליך. די פּאַלמעס זענען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערטע, אָפּגעוואַרט דאָס געוויטער, גרייט צו שאָקלען מיט די לולב'ן און צו מאַכן די נענועים וואָס זיינען אַ סגולה קעגן אַלע באַגעגענישן. כ'האָב זיך געאַיילט אַ היים, אין דעם ליידיקן האָטעל. אַ חוץ דעם וואָס כ'האָב געוואָלט זיין באַשיצט אין דעם אומוועטער, האָב איך געהאָפט אַז מ'האָט מיר דערוויל איבערגעשיקט אַ רעקאָמענדירטן בריוו.

I bought a magazine, but was unable to read past the first few lines. Getting on a bus, I let myself be taken aimlessly over causeways, islands with ponds, streets lined with villas. The inhabitants, building on a wasteland, had planted trees and flowering plants from all parts of the world; they had filled up shallow inlets along the shore; they had created architectural wonders and had worked out elaborate schemes for pleasure. A planned hedonism. But the boredom of the desert remained. No loud music could dispel it, no garishness wipe it out. We passed a cactus plant whose blades and dusty needles had brought forth a red flower. We rode near a lake surrounded by groups of flamingos airing their wings, and the water mirrored their long beaks and pink feathers. An assembly of birds. Wild ducks flew about, quacking—the swampland refused to give way.

I looked out the open window of the bus. All that I saw was new, yet it appeared old and weary: grandmothers with dyed hair and rouged cheeks, girls in bikinis barely covering their shame, tanned young men guzzling Coca-Cola on water skis.

An old man lay sprawled on the deck of a yacht, warming his rheumatic legs, his white-haired chest open to the sun. He smiled wanly. Nearby, the mistress to whom he had willed his fortune picked at her toes with red fingernails, as certain of her charms as that the sun would rise tomorrow. A dog stood at the stern, gazing haughtily at the yacht's wake, yawning.

It took a long time to reach the end of the line. Once there, I got on another bus. We rode past a pier where freshly caught fish were being weighed. Their bizarre colors, gory skin wounds, glassy eyes, mouths full of congealed blood, sharp-pointed teeth—all were evidence of a wickedness as deep as the abyss. Men gutted the fishes with an unholy joy. The bus passed a snake farm, a monkey colony. I saw houses eaten up by termites and a pond of brackish water in which the descendants of the primeval snake crawled and slithered. Parrots screeched with strident voices. At times, strange smells blew in through the bus window, stenches so dense they made my head throb.

Thank God the summer day is shorter in the South than in the North. Evening fell suddenly, without any dusk. Over the lagoons and highways, so thick no light could penetrate, hovered a jungle darkness. Automobiles, headlamps on, slid forward. The moon emerged extraordinarily large and red; it hung in the sky like a geographer's globe bearing a map not of this world. The night had an aura of miracle and cosmic change. A hope I had never forsaken awoke in me: Was I destined to witness an upheaval in the solar system? Perhaps the moon was about to fall down. Perhaps the earth, tearing itself out of its orbit around the sun, would wander into new constellations.

The bus meandered through unknown regions until it returned to Lincoln Road and the fancy stores, half-empty in summer but still stocked with whatever a rich tourist might desire—an ermine wrap, a chinchilla collar, a twelve-carat diamond, an original Picasso drawing. The dandified salesmen, sure in their knowledge that beyond nirvana pulses karma, conversed among themselves in their air-conditioned interiors. I wasn't hungry; nevertheless I went into a restaurant where a waitress with a newly bleached permanent served me a full meal, quietly and without fuss. I gave her a half-dollar. When I left, my stomach ached and my head was heavy. The late-evening air, baked by the sun, choked me as I came out. On a nearby building a neon sign flashed the temperature—it was ninety-six, and the humidity almost as much! I didn't need a weatherman. Already, lightning flared in the flowing sky, although I didn't hear thunder. A huge cloud was descending from above, thick as a mountain, full of fire and of water. Single drops of rain hit my bald head. The palm trees looked petrified, expecting the onslaught. I hurried back toward my empty hotel, wanting to get there before the rain; besides, I hoped some mail had come for me. But I had covered

כ׳בין דערגאַנגען בלויז אַ האַלבן וועג. דערנאָך האָט זיך צעלאָזט דער שטורם. ס׳האָט געטאָן איין כליאַפּ און כ׳בין געוואָרן אויסגעווייקט ווי מ׳וואָלט אויף מיר אַרויפגעגאָסן ארבעים סאה. ס׳האָט אַ בלענד־געטאָן אַ פייערדיקע רוט און כ׳האָב גלייך דערהערט דעם קנאַל, אַ סימן אַז ס׳האָט אַלץ זיך אָפּגעשפּילט נעבן מיר. כ׳האָב געוואָלט ערגעץ אַריינלויפן, אָבער ס׳האָבן זיך געקייקלט צו מיר שטולן וואָס דער ווינט האָט אַראָפּגעיאָגט פון וועראַנדעס, ס׳זענען געפאַלן שילדן. דער שטורעמווינט האָט געהאַט אַראָפּ־געריסן דעם געקרוינטן קאָפּ פון אַ פּאַלמע און זי האָט זיך געקוילערט, גרינג ווי אַ רייף, געמאַכט אַ קאָזשעלעק פאַרביי מיינע פיס. אַ צווייטע פּאַלמע האָט זיך אויסגעבויגן, גרייט צו פאַלן כורעים, איינגעהילט אין זעק ווי אַ בעל־תשובה. פון צעטומלטקייט האָב איך געטאָן איין זאַך: געלאָפן. כ׳האָב געהיפּערט מיט אַ גרינגקייט פון די אינגלישע צייטן. כ׳בין אַריין אין קאַ־לוזשעס וואָס מ׳האָט זיך געקאָנט אין זיי דערטרינקען. צוזאַמען מיט דער געפאַר איז מיך באַפאַלן די הפקרות. כ׳האָב געשריגן און געזונגען. כ׳האָב אָפּגעענטפערט דעם שטורם מיט זיין אייגענעם ניגון. אפילו די אויטאָמאָבילן זענען געבליבן שטיין אין דעם הוראַקאַן וואָס קיינער האָט נישט פאַרויס־געזאָגט. אָבער איך האָב נאָך אַלץ געאײַלט הענדום־פּענדום, גרייט בייצו־קומען די וואַקכאַנאַליע, אָדער אונטערצוגיין אין אַ וואַסערדיקן מסירת נפש. ס׳האָט אַלץ געהאַט צו טאָן מיט דעם רעקאָמענדירטן בריוו וואָס קיינער האָט נישט געשיקט און כ׳האָב קיינמאָל נישט דערהאַלטן.

כ׳ווייס נישט ביז איצט ווי כ׳האָב דערקאָנט דעם האָטעל. כ׳בין אַריין אין דעם ליידיקן פּאָדער־זאַל און ס׳האָט זיך מינוטן לאַנג געגאָסן פון מיר איבערן דיוואַן. ערגיץ אין אַ שפּיגל האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיין צעשוואָר־מענע געשטאַלט קוביסטיש אָדער פוטוריסטיש. נאָך אַ ווייל בין איך אַריין אין דער ענגער ווינדע און זי האָט מיך, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַרויפגעפירט אויפ׳ן דריטן שטאָק. די טיר פון מיין צימער איז געשטאַנען אויפגעפּראַלט. ס׳האָט געווימלט און געזשוזשעט מיט מאָסקיטאָס, מיט באַבעלעך, מוקן, פייערפליגן וואָס האָבן זיך דאָ באַשיצט קעגן דער בהלה. דער ווינט האָט געהאַט אַראָפּגעריסן די מאָסקיטאָ־נעץ. דער טעפּיך איז געוואָרן נאַס. די פּאַפּירן פון טיש זיינען זיך געהאַט צעפלויגן. כ׳האָב אַ ווייל פאַרנומען דעם רויש פון ים, געזען זיינע קאָנטורן. די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן מיטן־אָקעאַניש, בערגיק און לאַוועדיק, שאַדנפרײדיקע אומגעהייערן, גרייט איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל זיך אַרויסצורייסן פון די ברעגן, אַלץ צו פאַרפּלייצן. זיי האָבן געברילט מיט ווידערשפּעניקייט, געבילט אויפ׳ן באַשעפער ווי טשאַטעס הינט, געשפּריצט ווייסן שוים אויף דער נאַכטיקער פינסטערניש. כ׳האָב מיט דעם לעצטן כח פאַרהאַקט דאָס פענסטער, אַראָפּגעלאָזט דעם ווענעציאַנער לאָדן, זיך אַראָפּגעזעצט אויפקלייבן די פאַרנעצטע ביכער און מאַנוסקריפּטן. ס׳איז מיר געוואָרן הייס און די שנירלעך וואַסער אויף מיין רוקן האָבן זיך אויסגעמישט מיט שנירלעך שווייס. כ׳האָב אַראָפּגעשיילט פון מיר די מלבושים און זיי זיינען געלעגן נעבן מיינע פיס ווי שאָלן. כ׳האָב אַ ווייל געהאַט דאָס געפיל פון אַ באַשעפעניש וואָס איז ערשט נאָר אַרויס פון אַ קאָקאָן...

### 3

כ׳האָב געמיינט אַז דער שטורם האָט שוין דערגרייכט דעם קלימאַקס, אָבער דער ווינט האָט געפייפט, געיאָמערט, געקלאַפּט ווי מיט מעכטיקע האַמערן, אַ שטייגער ווי דער האָטעל וואָלט געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ שיף אויפ׳ן ים. עפּעס אין דעם געביי האָט זיך געריסן און געקראַכט: דער דאַך, דער פונדאַמענט, אָדער איינער פון די באַלקאָנען. אייזערנע שטאַנגען האָבן זיך געבויגן און געבראָכן. מעטאַל האָט געקרעכצט מיט אַ מעטאַלן קרעכ־צעניש. דאָס פענסטער האָט זיך געריסן פון דער רעם, גרייט יעדע רגע אַרויסצושפּרינגען, און די טאָרנאַדאָ זאָל מיך אַ כאַפּ טאָן אין געווירבל, וואַרפן כף־הקלע, פון ווינט־שטויס, צו ווינט־שטויס, אין וואַסערדיקע וויס־טענישן וואָס קיין צוריקוועגס פון זיי איז נישטאָ. די שויבן האָבן געקלונגען. דער ווענעציאַנער לאָדן האָט זיך אונטערגעהויבן ווי אַ פאַרהאַנג (אָדער אַ פּאַרטוך) און ס׳איז אַ ווייל געוואָרן ליכטיק מיט דער גרעלער שיין פון וועלט־חורבן. דערנאָך האָט געטאָן אַ זעץ וואָס האָט אַזש אַרויסגערופן אין מיר געלעכטער. מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן אין חשכות אַ ווייס געשטאַלט. דאָס האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט. דער מוח האָט זיך מיר אַ שאָקל געטאָן אין שיידל. כ׳האָב שטענדיק געוואוסט אַז פריער אָדער שפּעטער וועט איינער פון יענע לייט זיך אַנטפּלעקן צו מיר לייביק־לעבעדיק, פול מיט גרוילן וואָס מ׳קאָן זיי קיינמאָל נישט דערציילן, ווייל קיינער קומט פון זיי נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. כ׳בין געלעגן אַנגעלאָדן מיט שטילשווייגעניש, גרייט אויפ׳ן לעצטן אַקט, נאָר כ׳האָב דערהערט אַ קול. ס׳איז געווען דאָס הייקערל, די קובאַנערין. זי האָט אַ זאָג געטאָן אין אַ געבראָכענעם ענגליש:

— זייט מוחל, כ׳האָב מורא! איר שלאָפט, האַ?

— ניין. קומט אַריין.

— אַ, כ׳האָב געמיינט כ׳וועל שטאַרבן פון שרעק! — האָט די קובאַנערין גערעדט. — אַזוינס האָב איך נאָך נישט דורכגעלעבט... איר זענט דער איינציקער מענטש אין האָטעל. פאַרגיט מיר וואָס כ׳שטער אייך —

— איר שטערט נישט. כ׳וואָלט געמאַכט ליכטיק, אָבער כ׳בין נאַקעט.

— מ׳דאַרף נישט, מ׳דאַרף נישט. ס׳איז מיר בלויז אומהיימלעך צו זיין אַליין. דערלויבט מיר איבערצוואַרטן דעם שטורם.

— געוויס, איר קענט זיך אַפילו צולייגן. איכ׳ל זיצן אויף דער שטול.

— ניין, איכ׳ל זיצן אויף דער שטול. וואו איז זי? אַ, כ׳זע גאָרנישט.

— וואַרט אַ סעקונדע.

barely half the distance when the storm broke. One gush and I was drenched as if by a huge wave. A fiery rod lit up the sky and, the same moment, I heard the thunder crack—a sign the lightning was near me. I wanted to run inside somewhere, but chairs blown from nearby porches somersaulted in front of me, blocking my way. Signs were falling down. The top of a palm tree, torn off by the wind, careened past my feet. I saw a second palm tree sheathed in sackcloth, bent to the wind, ready to kneel. In my confusion I kept on running. Sinking into puddles so deep I almost drowned, I rushed forward with the lightness of boyhood. The danger had made me daring and I screamed and sang, shouting to the storm in its own key. By this time all traffic had stopped, even the automobiles had been abandoned. But I ran on, determined to escape such madness or else go under. I had to get that special delivery letter, which no one had written and I never received.

I still don't know how I recognized my hotel. I entered the lobby and stood motionless for a few moments, dripping water on the rug. In the mirror across the room, my half-dissolved image reflected itself like a figure in a cubist painting. I managed to get to the elevator and ride up to the third floor. The door of my room stood ajar: inside, mosquitoes, moths, fireflies, and gnats fluttered and buzzed about, sheltering from the storm. The wind had torn down the mosquito net and scattered the papers I had left on the table. The rug was soaked. I walked over to the window and looked at the ocean. The waves rose like mountains in the middle of seas—monstrous billows ready once and for all to overflow the shores and float the land away. The waters roared with spite and sprayed white foam into the darkness of the night. The waves were barking at the Creator like packs of hounds. With all the strength I had left, I pulled the window down and lowered the blind. I squatted to put my wet books and manuscripts in order. I was hot. Sweat poured from my body, mingling with rivulets of rain water. I peeled off my clothes and they lay near my feet like shells. I felt like a creature who has just emerged from a cocoon.

### III

The storm had still not reached its climax. The howling wind knocked and banged as if with mighty hammers. The hotel seemed like a ship floating on the ocean. Something came off and crashed down—the roof, a balcony, part of the foundation. Iron bars broke. Metal groaned. Windows tore loose from their casements. The windowpanes rattled. The heavy blind on my window billowed up as easily as a curtain. The room was lit with the glare of a great conflagration. Then came a clap of thunder so strong I laughed in fear. A white figure materialized from the darkness. My heart plummeted, my brain trembled in its socket. I always knew that sooner or later one of that brood would show himself to me bodily, full of horrors that are never told because no one who has seen them has survived to tell the story. I lay there silently, ready for the end. Then I heard a voice:

"Excuse please, Señor, I am much afraid. You are asleep?" It was the Cuban hunchback.

"No, come in," I answered her.

"I shake. I think I die with fear," the woman said. "A hurricane like this never come before. You are the only one in this hotel. Please excuse that I disturb you."

"You aren't disturbing me. I would put on the light but I'm not dressed."

"No, no. It is not necessary . . . I am afraid to be alone. Please let me stay here until the storm is over."

"Certainly. You can lie down if you want. I'll sit on the chair."

"No, I will sit on the chair. Where is the chair, Señor? I do not see it."

כ׳בין אויפגעשטאַנען, געפונען אין דער פינסטער די קובאַנערין, זי צוגעפירט צו דעם פאָטעל. זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך מיר ווי בלינד, געצאַפּלט אין מיין אָרעם. כ׳האָב געוואָלט זיך דערגענטערן צו דער שראַנק און נעמען אויף מיר אַ מלבוש, אָבער כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אָן בעט און בין דערויף אַרויפגעפאַלן. כ׳האָב זיך אײַנדערגיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע, די פרעמדע זאָל נישט דערזען מיין נאַקעטקייט ווען ס׳וועט בליצן. ס׳האָט טאַקע באַלד געטאָן אַ בליץ און כ׳האָב זי געזען זיצן אויף דער שטול, אַ פאַרזעעניש אין אַ צו־גרויס נאַכט־העמד, מיט אַ הויקער פון פאָרנט און פון הינטן, מיט צעקאָדלטע האָר, לאַנגע האָריקע הענט און קרומע פיסלעך ווי אַ שווינדזיכטיקע מאַלפּע. פון די אויגן אירע האָט אַרויסגעפלאַטערט אַ חיה׳שע שרעק. כ׳האָב אַ זאָג געטאָן:

— האָט נישט קיין מורא. דער שטורעם וועט באַלד אַריבער.

— יאָ, יאָ.

כ׳האָב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן קישן, בין געלעגן שטיל, מיט דעם אויסטערלישן געפיל אַז עפּעס אַ לץ גיט מיר נאָך אַלע מיינע פאַרוועלעכישן, אָבער אַזוי ס׳זאָל מיר אויספאַלן באַקאָם. כ׳האָב געוואָלט זיין אַליין אין אַ האָטעל און אַזוי איז געשען. כ׳האָב פאַנטאַזירט פון אַ פרוי וואָס זאָל קומען צו מיר אויפ׳ן געלעגער (ווי רות צו בועז׳ן) און מ׳האָט מיר צוגעשיקט אַ פרוי. יעדעס מאָל וואָס ס׳האָט געטאָן אַ בליץ, האָבן מיינע אויגן זיך באַגעגנט מיט אירע. זי האָט זיך ווי איינגעגעסן אין מיר מיט איר בליק. זי האָט געשוויגן מיט דער שטילקייט פון אַ מכשפה. כ׳האָב מער פאָרכט געהאַט פאַר איר ווי פאַר דעם הוראַקאַן. כ׳האָב אַמאָל געהאַט באַזוכט קובאַ. די פינסטערע קרעפטן באַזיצן נאָך דאָרט די אוראַלטע מאַכט. מערדער שטעכן אין רוקן אויס דער ריינער לוסט צו מאָרד. ווייבער פאָרן זיך מיט סיפיליטיקער אין די בעטן פון די מאַנען. מ׳לעשט די טראָפּישע היץ מיט פייערדיקן שפּירט, מ׳פאַרטויבט זי מיט ניקאָטין. אפילו די מתים לאָזט מען נישט געמאַך אין די קברים, נאָר מ׳גראָבט אויס זייערע ביינער. ס׳הילכן דאָרט אין די נעכט געשרייען פון קאַניבאַלן, געוויינען פון נקבות וואָס מ׳שפּרענקט זייער בלוט אויף געצנדינערישע מזבחות... כ׳האָב איצט גענומען ווי אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע מיר אַליין, בעטן ביי די וועלט־האַרן וואָס האָבן דאָס לעצטע וואָרט נישט צוצולאָזן די דאָזיקע קליפּה זאָל מיך בייקומען. שדי קרע שטן! — האָט עפּעס אין מיר גערופן. דערביי האָבן די דונערן געקנאַלט, דער ים האָט געברומט, זיך פאַרגאַנגען אין אַ וואַסערדיק געלעכטער. די ווענט פון מיין צימער זענען געוואָרן שאַרלאַך־רויט און אין דער גיהנומ׳דיקער שיין האָט געלויערט די צויבערין פון קובאַ מיט אַן אָפן מויל, פוילע ציין, צוויטיקע האָר, האָריקע פיס, פול מיט גוליעס און ביילן. דאָס העמד האָט זיך געהאַט ביי איר אַראָפּגערוקט און ס׳האָבן זיך נאָכגעבאָמבלט צוויי גערונצלטע ברוסטן. ס׳האָט איר בלויז געפעלט אַ שנויץ און אַ ווידל...

כ׳בין, אַפּנים, געהאַט איינגעשלאָפן ווייל ס׳האָבן זיך מיר גע׳חלומ׳ט בערגיקע געסלעך, פאַרהעמערטע לאָדנס, אַ לקוי־חמה׳דיקע טונקלקייט, אַ שוואַרץ־שבת׳דיקע שטילקייט. פּראָצעסיעס זיינען געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער, מיט צלמים, טרומנעס, טאָפּלטע העק, ברענענדיקע שטורקאַצן. מ׳האָט געפירט צום באַגרעבעניש נישט איין טויטן, נאָר אַ סך טויטע, אַ גאַנצן פאַרטיליקטן שטאַם. ווייַרויך האָט געריכערט. קולות האָבן אויסגעבלעקעכצט אַ געזאַנג אַזאַ וואָס איז אינגאַנצן מעלאַנכאָליע. אין אַ רגע זענען די טרומנעס געוואָרן אָרונ׳ס און די אָרונ׳ס — ענלעך צו תפילין, שוואַרץ און גלאַנציק, מיט קניפּן און רצועות, געטאָפּלטע און געדריטלטע, פאַר מתים צווילינגען, דריילינגען, פירלינגען, פינפטלינגען...

כ׳האָב געעפנט די וויעס און אַ געפלעפטער דערשפּירט אַז עמיץ זיצט אויף מיין בעט: די קובאַנערין. זי האָט גענומען רעדן אין איר געבראָכענעם ענגליש געדיכט און מיט רוגזה:

— שרעקט אייך נישט, כ׳וועל אייך נישט טאָן קיין שלעכטס. כ׳בין אַ מענטש, נישט אַ בעסטיע. מיין רוקן איז צעבראָכן, אָבער כ׳בין אַזוי נישט געבוירן. כ׳בין קינדווייז פון אַ טיש אַראָפּגעפאַלן, און מיין מוטער איז געווען צו־אָרעם צו נעמען מיך צו די דאָקטוירים. דער פאָטער איז אַ שיכור, אַ פאַרדאָרבענער טייוול. ר׳האָט מיט הורן זיך אַרומגעשלענדערט און די מוטער האָט געמוזט ביי טאַבאַק אַרבעטן. זי האָט די לונגען אויסגעהוסט. וואָס ציטערט איר? אַ הויקער איז נישט קרעציק. איר׳ט זיך פון מיר נישט אָנשטעקן. כ׳האָב אַ נשמה גלייך ווי אַלע אַנדערע. מענער באַגערן מיך! — האָט זי פּלוצים געענדערט דעם טאָן. — מיין אייגענער באָס. ער האָט צוטרוי צו מיר און דעריבער האָט ער מיך דאָ איבערגעלאָזט אין האָטעל. איר זענט אַ איד, האַ? ער איז אויך אַ איד, אָבער אַ טערקישער. ער קאָן רעדן — ווי הייסט עס דאָרט? — אַראַביש. ער האָט מיט אַ דייטשקע חתונה געהאַט און זי איז אַ נאַציכע. איר פריערדיקער מאַן איז אויך אַ נאַצי. זי האָט גענומען שילטן דעם באָס און געפּרוּווט אים סמ׳ען. ער האָט זי אין געריכט אָנגעקלאָגט, אָבער דער ריכטער איז אויף איר זייט. אוודאי אים אונטערגעקויפט, אָדער נאָך עפּעס ערגערס. מיין באָס מוז איר צאָלן — ווי רופט מען דאָס? — אַלימאָני...

— פאַרוואָס האָט ער באַלד מיט איר חתונה געהאַט? — האָב איך געפרעגט אַבי עפּעס צו זאָגן.

— האַ? ס׳געפעלט. מ׳פאַרליבט זיך. דער מענטש האָט בלוט אין די אָדערן, נישט קיין וואַסער. האָט איר קיינמאָל קיינעם נישט געליבט?

— יאָ.

— וואו איז זי? איר׳ט מיט איר חתונה געהאַט?

— ניין, מ׳האָט זי דערשאָסן.

— ווער?

— די זעלבע נאַציס.

— אַהאַ! און איר זענט געבליבן אַליין?

— ניין, כ׳האָב אַ ווייב.

— וואו איז זי?

— אין ניו־יאָרק.

— און איר זענט איר געטריי, האַ?

— יאָ, געטריי.

I got up, found the woman in the darkness, and led her to the armchair. She dragged herself after me, trembling. I wanted to go to the closet and get some clothing. But I stumbled into the bed and fell on top of it. I covered myself quickly with the sheet so that the stranger would not see me naked when the lightning flashed. Soon after there was another bolt and I saw her sitting in the chair, a deformed creature in an overlarge nightgown, with a hunched back, disheveled hair, long hairy arms, and crooked legs, like a tubercular monkey. Her eyes were wide with an animal's fear.

"Don't be afraid," I said. "The storm will soon be over."

"Yes, yes."

I rested my head on the pillow and lay still with the eerie feeling that the mocking imp was fulfilling my last wish. I had wanted a hotel to myself—and I had it. I had dreamed of a woman coming, like Ruth to Boaz, to my room—a woman had come. Each time the lightning flashed, my eyes met hers. She stared at me intently, as silent as a witch casting a spell. I feared the woman more than I did the hurricane. I had visited Havana once and, there, found the forces of darkness still in possession of their ancient powers. Not even the dead were left in peace—their bones were dug up. At night I had heard the screams of cannibals and the cries of maidens whose blood was sprinkled on the altars of idolaters. She came from there. I wanted to pronounce an incantation against the evil eye and pray to the spirits who have the final word not to let this hag overpower me. Something in me cried out: *Shaddai,* destroy Satan. Meanwhile, the thunder crashed, the seas roared and broke with watery laughter. The walls of my room turned scarlet. In the hellish glare the Cuban witch crouched low like an animal ready to seize its prey—mouth open, showing rotted teeth; matted hair, black on her arms and legs; and feet covered with carbuncles and bunions. Her nightgown had slipped down, and her wrinkled breasts sagged weightlessly. Only the snout and tail were missing.

I must have slept. In my dream I entered a town of steep, narrow streets and barred shutters, under the murky light of an eclipse, in the silence of a Black Sabbath. Catholic funeral processions followed one after the other endlessly, with crosses and coffins, halberds and burning torches. Not one but many corpses were being carried to the graveyard—a complete tribe annihilated. Incense burned. Moaning voices cried a song of utter grief. Swiftly, the coffins changed and took on the form of phylacteries, black and shiny, with knots and thongs. They divided into many compartments—coffins for twins, triplets, quadruplets, quintuplets . . .

. . .

I opened my eyes. Somebody was sitting on my bed—the Cuban woman. She began to talk thickly in her broken English.

"Do not fear. I won't hurt you. I am a human being, not a beast. My back is broken. But I was not born this way. I fell off a table when I was a child. My mother was too poor to take me to the doctor. My father, he no good, always drunk. He go with bad women, and my mother, she work in a tobacco factory. She cough out her lungs. Why do you shake? A hunchback is not contagious. You will not catch it from me. I have a soul like anyone else—men desire me. Even my boss. He trust me and leave me here in the hotel alone. You are a Jew, eh? He is also a Jew . . . from Turkey. He can speak—how do you say it?—Arabic. He marry a German Señora, but she is a Nazi. Her first husband was a Nazi. She curse the boss and try to poison him. He sue her but the judge is on her side. I think she bribe him—or give him something else. The boss, he has to pay her—how do you call it?—alimony."

"Why did he marry her in the first place?" I asked, just to say something.

"Well, he love her. He is very much a man, red blood, you know. You have been in love?"

"Yes."

"Where is the Señora? Did you marry her?"

"No. They shot her."

"Who?"

"Those same Nazis."

"Uh-huh . . . and you were left alone?"

"No, I have a wife."

"Where is your wife?"

"In New York."

"And you are true to her, eh?"

"Yes, I'm faithful."

— אַלעמאָל?
— אַלעמאָל.
— איין מאָל מעגט איר פאַרברעכן!
— ניין, מיין טייערע, כ׳וויל אויסלעבן די יאָרן ערלעך.
— וועמען גייט אָן וואָס איר טוט? קיינער זעט נישט.
— גאָט זעט.
— נו, אויב איר רעדט שוין מיט גאָט, וועל איך גיין. אָבער איר זענט אַ ליגנער! אַ געמיינער ליגנער! ווען כ׳וואָלט נישט געווען קיין קריפּל, וואָלט איר נישט געווען אַזוי פרום... גאָט שטראָפט פאַר אַזוינע ליגנס... פאַרשאָלטענער אידיאָט!..

זי האָט געטאָן אַ שפּיי און מיך אָפּגעשפּיגן. זי האָט אַראָפּגעקלעטערט פון מיין געלעגער און געטאָן אַ טראַסק מיט דער טיר. איך האָב זיך גיך אָפּגעווישט, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעך שפּייעכץ. ס׳האָט מיך געבריט ווי ס׳וואָלט געווען הייס. כ׳האָב געשפּירט אין דער פינסטערניש ווי דער שטערן ווערט מיר אָנגעדראָלן. אין די באַקן האָט געברענט. ס׳האָט מיך געביסן אין פּנים און ס׳האָט מיך געצויגן מיט אַ ציעניש וואָס איך האָב קיינמאָל פריער נישט געקאָנט, אַ שטייגער ווי פּיאַווקעס וואָלטן זיך איינגע־ביסן אין מיין פלייש. כ׳בין אַוועק אין באָד־צימער זיך זייפן און וואַשן. כ׳האָב איינגענעצט אַ האַנטוך און צוגעלייגט צו מיין פּנים אַ קאָמפּרעס. כ׳האָב, ווייזט־אויס, פאַרגעסן אָן הוראַקאַן. ער האָט אויפגעהערט און כ׳האָב נישט געמערקט. כ׳בין איינגעשלאָפן ערשט פאַרטאָג און ווען כ׳האָב אויפ־געוואַכט, האָט מיין זייגערל געוויזן פופצן מינוט צו עלף. כ׳בין אויפגעקומען מיט אַ פאַרשטאָפּטער נאָז, אַן ענגקייט אין האַלדז, אַ ברעכעניש אין די קני. די אונטערשטע ליפּ איז געווען ווי צעביסן און פול מיט בלעטערלעך, אַזוינע וואָס מ׳קריגט פון אַ קאַטאַר. אויפ׳ן דיל איז געשטאַנען אַ פּליעטש און ס׳האָבן זיך דערין געווייקט מיינע מלבושים. די אינזעקטן וואָס האָבן נעכטן געפונען ביי מיר שוץ זענען געלעגן אָדער געשטאַנען — טויט. כ׳האָב געעפנט דאָס פענסטער. די לופט האָט אַריינגעהויכט קילבלעך, דעמ־פּיק. דער הימל האָט זיך געשטרעקט הערבסטיק־גרוי און דער ים — אַ זילבערן־בלייערנער — האָט קוים זיך געוויגט אונטער דער אייגענער שווערקייט. כ׳האָב זיך ווי־ס׳איז אָנגעטאָן און בין אַראָפּ אונטן. הינטער דעם באַנק־טיש איז געשטאַנען דאָס הייקערל — אויסגעבלייכט, מאָגער, מיט צונויפגעצויגענע האָר, מיט אַ גרינקייט אין די אויגן. זי האָט גע־טראָגן אַ בלוזע מיט אַלט־מאָדישע שפּיצן. זי האָט מיך אָנגעקוקט שפּיזלדיק, זיך אָנגערופן:

— איר׳ט מוזן זיך אַרויסציען. דער באָס האָט נאָר־וואָס אָפּגערופן כ׳זאָל פאַרשליסן דעם האָטעל.

כ׳האָב אָפּגעוואָרט אַ ווייל.

— ס׳איז אפשר דאָ פאַר מיר אַ בריוו?
— קיין שום בריוו.
— זייט אַזוי גוט און גיט מיר דעם חשבון.
— קיין שום חשבון.

און זי האָט מיך אָפּגעמאָסטן קרום, שפּאָטיק, — אַ מכשפה וואָס דער כישוף איז איר נישט געראָטן, אַ שטילע שותּפ׳טע צו די לאַפּיטוטן וואָס רינגלען מיך אַרום און צו זייערע הינטערליסטיקע קונץ־שטיקלעך...

"Always?"
"Always."
"One time to have fun is all right."
"No, my dear, I want to live out my life honestly."
"Who cares what you do? No one see."
"God sees."
"Well, if you speak of God, I go. But you are a liar. If I not a cripple, you no speak of God. He punish such lies, you pig!"

She spat on me, then got off the bed, and slammed the door behind her. I wiped myself off immediately, but her spittle burned me as if it were hot. I felt my forehead puffing up in the darkness, and my skin itched with a drawing sensation, as if leeches were sucking my blood. I went into the bathroom to wash myself. I wet a towel for a compress and wrapped it around my forehead. I had forgotten about the hurricane. It had stopped without my noticing. I went to sleep, and when I woke up again it was almost noon. My nose was stopped up, my throat was tight, my knees ached. My lower lip was swollen and had broken out in a large cold sore. My clothes were still on the floor, soaking in a huge puddle. The insects that had come in for refuge the night before were clamped to the wall, dead. I opened the window. The air blowing in was cool, though still humid. The sky was an autumn gray and the sea leaden, barely rocking under its own heaviness. I managed to dress and go downstairs. Behind the desk stood the hunchback, pale, thin, with her hair drawn back, and a glint in her black eyes. She wore an old-fashioned blouse edged with yellowed lace. She glanced at me mockingly. "You have to move out," she said. "The boss call and tell me to lock up the hotel."

"Isn't there a letter for me?"
"No letter."
"Please give me my bill."
"No bill."

The Cuban woman looked at me crookedly—a witch who had failed in her witchcraft, a silent partner of the demons surrounding me and of their cunning tricks.

*Translated by Joel Blocker*

# שידה און כוזיבא

# Shiddah and Kuziba

1

ניין איילן אין דער ערד וואו ס׳טרעפן זיך צוויי פעלזן און ס׳ריזלט אַן אונטערערדיש טייכל זיינען זיי געזעסן, די מוטער שידה און אַ חדר־יונגל כוזיבא. די מאַמע האָט געהאַט אַ לייב פון שפּינוועבס, האָר ביז די קנעכלען, הינערנע פיס, פליגל פון אַ פלעדערמויז. כוזיבא האָט פאַר־מאָגט פאַר אַ צולאָג אייזלשע אויערן און וואַקסענע הערנער. כוזיבא האָט אונטערגעקרענקט. שוין אַ צייט ווי ער האָט געליטן פון קאַלטאַנעס און פיבער. ס׳האָט אים געוואָרפן דאָס זיבעטע קדחת. די מוטער האָט אים יעדע האַלבע שעה איינגעגעבן טייוולס־קויט, פוך פון אַ רויטער קראָ, זאַפט פון קופער, שאָטן פון אַ גרוב. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט נעבן אים אויף אַ קישעלע פון קיזלשטיין און מיט אַ לאַנגער צונג אים אויסגעלעקט דעם נאָפּל. כוזיבא איז געשלאָפן דעם שלאָף פון אַ שלאָפן. מיט אַמאָל האָט ער זיך איבערגעוועקט.

I

Shiddah and her child, Kuziba, a schoolboy, were sitting nine yards inside the earth at a place where two ledges of rock came together and an underground stream was flowing. Shiddah's body was made of cobwebs; her hair reached to her anklebones; her feet were like those of a chicken; and she had the wings of a bat. Kuziba, who looked like his mother, had, in addition, donkey ears and wax horns. Kuziba was sick with a high fever. Every half hour his mother gave him medicine made of devil's dung mixed with copper juice, the darkness of a ditch, and the droppings of a red crow. Shiddah, leaning over her son, licked his navel with her long tongue. Kuziba was sleeping the restless sleep of the sick. Suddenly the boy woke up.

— מאַמע, כ׳האָב מורא.
— וואָס האָסטו מורא, זינדעלע?
— פאַר ליכט, פאַר מענטשן.
שידה האָט זיך אָפּגעשאָקלט און אָפּגעשפּיגן כוזיבאַ׳ן.
— וואָס רעדסטו, קינד מיינס? מיר זענען ווייט פון ליכט, ווייט פון מענטש. דאָ איז, דאַנקען גאָט, פינסטער ווי אין מצרים און שטיל ווי אַן אויער. מיר זענען באַשיצט מיט ניין איילן פעלז.
— מ׳זאָגט, די מענטשן קענען ברעכן פעלזן.
— באָבע־מעשיות! דער כח פון מענטש איז נייערט אויף דער אויבער־פלאַך. די הויך איז פאַר מלאכים, די טיף איז פאַר אונדז. דער גורל פון מענטש איז צו פויזן אויף דער הויט פון דער ערד ווי אַ לויז.
— וואָס זענען מענטשן, מאַמע? דערציייל מיר.
— וואָס זיי זענען? דער אָפּפאַל פון דער באַשאַפונג, דער שוים פון דעם קעסל וואו די זינד ווערט געזאָטן. דער מענטש איז דער טעות פון גאָט.
— ווי אַזוי קאָן גאָט, דער אַלמעכטיקער, מאַכן אַ טעות?

— ס׳איז אַ סוד, קינד, אַ סוד. ווען גאָט האָט באַשאַפן די נידעריקסטע פון אַלע וועלטן, די ערד, איז זיין ליבשאַפט צו אונדזער האַרינטע לילית געווען שטאַרקער ווי אַלעמאָל. אָבער אויף אַ ווייל האָט ער פונדעסטוועגן פון איר אָפּגעקערט דעם בליק און דערפון האָט זיך געווידמעט אַ פאַר־זעעניש — דער מענטש: אַ געמיש פון פלייש, בלוט, מיסט, לוסט. ער האָט אַ ווייס הייטל, אָבער אינעווייניק איז ער רויט. ער רעדט ווי אַ תקיף, אָבער ער איז שוואַך און שלאַבעריק. אַ שטיין קאָן אים צעברעכן. אַ דאָרן טוט אים צעשטעכן. פון היץ ווערט ער צעשמאָלצן, פון קעלט — געפרוירן. ער האָט אַ בלאָז־זאַק אין דער ברוסט און ער מוז זיך אָן אויפהער אָנבלאָזן און אויס־בלאָזן. אין דער לינקער זייט האָט ער אַ יאָדער וואָס טוט כסדר זיך וואָרפן און טרייסלען. ס׳איז דאָ אַזאַ שימל וואָס וואַקסט אין זאַמד און בלאָטע און דאָס דאַרף דער מענטש שלינגען און אויסמייקען, דער מענטש הענגט אָפּ פון טויזנט קאַפּריזן, דעריבער איז ער אַזוי בייזוויליק.
— וואָס טוען זיי, מאַמע?
— שלעכטס, נייערט שלעכטס. אָבער זיי זענען אַזוי פאַרנומען מיט זיך אַז אונדז לאָזן זיי געמאַך. אַנדערע לייקענען אַפילו אַז מיר זענען פאַראַן. זיי מיינען אַז אַלדאָס לעבדיקע קאָן זיך בלויז פּרוכפּערן אויף דער פלאַך. ווי אַלע נאַראָנים, האַלטן זיי זיך פאַר קלוג. זיי לערנען חכמה אויף צעריבן האָלץ באַשמירט מיט פאַרב. די געדאַנקען זייערע קומען פון אַ שליימיקער פאַפּע אין אַ ביינערן שיידל וואָס זיצט ביי זיי אויפן האַלדז, ווי אַ שטערצל — אויף אַ טאָפּ. קיין פליגל האָבן זיי נישט. די פיס זענען שוואַך און קאָנען נישט לויפן. איין זאַך פאַרמאָגן זיי אין אַ גרויסער מאָס — חוצפה. ווען גאָט, דער געאַכפּערטער, וואָלט נישט געהאַט אַזויפיל געדולד און נישט פאַרלענגערט זיין גרימצאָרן, וואָלט שוין לאַנג פון דעם מענטשן־פעבל נישט געבליבן קיין זכר.
— כ׳האָב מורא פאַר זיי, מאַמע, כ׳האָב מורא.
— אַהער וועלן זיי נישט קומען.
— זיי חלומ׳ען זיך מיר אין שלאָף.
— ציטער נישט, קינד. חלומות נאַרן־אָפּ. זיי שטאַמען פון דער פלאַך וואו ס׳הערשט דער תוהו־ובוהו.

2

אין מיטן שלאָף האָט כוזיבא זיך צעוויינט. די מוטער האָט אים אויפגעוועקט.
— וואָס איז דיר, זינדעלע?
— כ׳האָב מורא.
— האָסט שוין ווידער מורא?
— ס׳האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַ מענטש.
— ווי האָט ער אויסגעזען, קינד?
— פאַרכטיק. ער האָט אַזוי געטומלט אַז כ׳בין שיער נישט געוואָרן טויב. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט וואָס האָט מיך פאַרבלענדט. ווען דו וועקסט מיך נישט אויף, וואָלט איך געשטאָרבן פון שרעק.
— וואַרט, כ׳על זאָגן אַ שפרוך.

"I'm frightened, mother," he said.
"Of what, dear?"
"Of light. Of human beings."
Shiddah trembled; and then spat on her son to ward off such evils.
"What are you talking about, child? We're safe here—far from light and far from human beings. It's as dark as Egypt here, thank God, and as silent as a cemetery. We're protected by nine yards of solid rock."
"But they say men can break rocks," said the boy.
"Old wives' tales!" countered his mother. "The power of man is only on the surface. The heights are for angels. The depths are for us. The lot of man is to creep on the skin of the earth like a louse."
"But what *are* human beings, mother? Tell me."
"What are they? They're the waste of creation, offal; where sin is brewed in a kettle, mankind is the foam. Man is the mistake of God."
"How can God the Almighty make a mistake?" asked Kuziba.
"That is a secret, my child," answered Shiddah. "For when God created the last of all the worlds, the earth, his love for our mistress, Lilith, was stronger than ever. Only for an instant his gaze wandered, and in that instant he produced man—an evil mixture of flesh, love, dung, and lust.
"Man!" Shiddah spat. "He has a white skin but inside he is red. He shouts as if he were strong, but really he is weak and shaky. Throw a stone and he breaks; use a thong and he bleeds. In heat he melts. In cold he freezes. There is a bellows in his chest which has to contract and expand constantly. In his left side is a small sac which must throb and quiver all the time. He stuffs himself with mildew of a kind which grows in mud or sand. This mildew he has to swallow constantly and after it passes through his body he must drop it out. He depends on a thousand accidents, and that's why he is so nasty and angry."
"But what do human beings do, mother?"
"Evil," Shiddah answered her son, "only evil. But that keeps them busy so that they leave us in peace. Why, some of them even deny our existence. They think life can only breed on the surface of the earth. Like all fools they consider themselves clever.
"Imagine! They study wisdom on crushed wood pulp smeared with blotches of ink. And their ideas come from a slimy matter which they carry in a bony skull on their necks. They can't even run the way animals can: their legs are too feeble. But one thing they do possess in great measure: insolence. If God the Omnipotent did not have so much patience he would have destroyed such rabble long ago."
Kuziba, who had listened intently to his mother's words, was not reassured. He stared at his mother feverishly.
"I'm afraid of them, mother. I'm afraid."
"Don't be, Kuziba. They can't come here."
"In my sleep I dream about them." Kuziba trembled.
"Don't shake so, my darling little devil." Shiddah caressed her son. "Dreams are silly. They too come from the surface where chaos rules."

II

Kuziba, who had lain for some time in a deep sleep, suddenly cried out. His mother awakened him.
"What's the matter, my son?"
"I'm frightened."
"Again?"
"I was dreaming about a man."
"What did he look like, my child?"
"So fierce. He made a noise that almost made me go deaf. And he had a light that was blinding me. I would have died from fear if you hadn't waked me."
"Be still, my son. I will chant a spell for you."

And Shiddah murmured:

*Lord of the Depths*
*Curse the evil surface.*
*Lord of all Silence*
*Destroy the Din.*

*Save us great Father*
*From Light, from Words,*
*From Man his Deceit.*
*Save us, Lord God.*

For a while it was quiet. Kuziba dozed off. Shiddah cradled her only son, swaying rhythmically above him. She thought of her husband, Hurmiz, who did not live at home. He went to the Yeshivah of Chittim and Tachtim which was thousands of yards deeper, nearer the center of the earth. There he studied the secret of silence. Because silence has many degrees. As Shiddah knew, no matter how quiet it is, it can be even quieter. Silence is like fruits which have pits within pits, seeds within seeds. There is a final silence, a last point so small that it is nothing, yet so mighty that worlds can be created from it. This last point is the essence of all essences. Everything else is external, nothing but skin, peel, surface. He who has reached the final point, the last degree of silence, knows nothing of time and space, of death and lust. There male and female are forever united; will and deed are the same. This last silence is God. But God himself keeps on penetrating deeper into Himself. He descends into his depths. His nature is like a cave without bottom. He keeps on investigating his own abyss.

Kuziba had fallen asleep. Shiddah, too, rested her head against a stone pillow. She imagined dreamily how Kuziba would grow up and become a big devil; how he would marry and become a father, and how she, Shiddah, would serve her daughter-in-law and her grandchildren. The babies would begin to call her grandma; and she would delouse their heads. She would braid the girls' hair, clean the boys' noses, take them to *Cheder*, feed them, put them to sleep. Then the grandchildren themselves would grow up and be led under black canopies to marry the sons and daughters of the most reputable and well-established demons.

Her husband, Hurmiz, would become a rabbi of the netherworld, giving out amulets, reciting incantations. He would teach imps the chapter of curses on Mount Ebal, and the curses which Balaam should have used on the Israelites; he would teach them the prophecies of the false prophets, the words of temptation which the primeval snake used in the Garden of Eden; he would teach them the cunning of the fallen angels, the confusion of tongues of those who built the tower of Babel; he would instruct them in the perversities of men at the time of the flood, in the vanities of Jeroboam and Ahab, Jezebel and Vashti. Then Hurmiz would become King of the Demons. He would be offered the throne in the Abyss of the Great Female, a thousand miles away from the surface where no one had ever heard of man and his insanity.

Suddenly Shiddah's daydreaming was interrupted. There was a terrible thundering. Shiddah leapt to her feet. A racketing clamor filled the cave as if a thousand hammers were beating. Everything shook. Kuziba woke up with a scream.

"Mother, mother," yelled the boy. "Run, run."

"Help, demons! Help!" Shiddah shouted.

She caught up Kuziba in her arms and tried to flee. But where to? From all sides came a rumbling and cracking. Rocks were crashing down; stones were flying about. The narrow hole which led further underground to the homes of the richer demons was already clogged. A rain of dust, sparks, stone splinters struck the mother and son. Then a light, awful, glaring, a thing with no name in the netherworld, blinded them with its approach. Presently, a monstrous, spiraling machine plunged through the ledge of rock in front of them. Shiddah fell back to the opposite wall, but at that moment it too shattered into a thousand pieces. A second light appeared and another gigantic screw, twisting round and round, pushing with a strange and overwhelming power, ready to crush and grind everything with a cruelty beyond good and evil, broke into their home.

און שידה האָט געמורמלט:

האַר פון דער טיפעניש,
פאַרשילט די פלאַך;
האַר פון שטילקייט,
פאַרטיליק דעם קראַך.
באַשירעם אונדז, פאָטער,
פון מענטש און זיין שפּאָט;
פון ליכט און פון ווערטער —
באַשיץ אונדז, האַר גאָט.

אַ ווייל איז געווען שטיל. כוזיבא האָט ווידער אָנגעהויבן איינדרימלען. שידה האָט אים געוויגט, געצערטלט, זיך געשאָקלט איבער איר בן יחיד, צוגעברומט אַ וויג־ליד. דער מאַן אירער, הורמיז, האָט שוין אַ צייט נישט געלעבט אין דער היים. ער איז געהאַט אַוועק אין דער ישיבה פון חתים און תחתים, צען טויזנט איילן טיף, לערנען דעם סוד פון שטילשווייגעניש. וואָרום די שטילקייט האָט אַ סך מדרגות. ווי שטיל ס׳זאָל נישט זיין, קאָן זיין נאָך שטילער. די שטילקייט איז ווי אַ פּרוכט מיט אַ קערן און דער קערן אַליין האָט אויך אַ קערן. פאַראַן אַ לעצטע שטילקייט, אַ נקודה וואָס איז אַזוי קליין אַז זי איז אייטל גאָרנישט און אַזוי מעכטיק אַז מ׳קאָן מיט איר באַשאַפן וועלטן. דאָס דאָזיקע פּינטעלע איז דער עיקר פון אַלע עיקרים. אַלדאָס איבעריקע איז נישט מער ווי קלייען, שאָל, קלייד, חצוניות. ווער ס׳האָט דערגרייכט די דנאָ פון שטילקייט ווייסט נישט פון צייט און שטח, פון טויט און תאווה. זכר און נקבה זענען דאָרט באַהאָפטן. ווילן און מעשים זענען היינו־הך. דער תכלית פון שטילקייט איז גאָט, אָבער גאָט אַליין קלעטערט אַלץ טיפער אין זיך. ער נידערט אין זיינע טיפענישן ווי אין אַ הייל אָן אַ באָדעם. ער פאָרשט פון אייביק ביז אייביק זיין אייגענעם תהום.

כוזיבא איז איינגעשלאָפן. שידה האָט אויך אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ. זי האָט זיך אויסגעמאָלט אין דמיון ווי כוזיבא וואַקסט־אויס, ווערט אַ גרויסער טייוול. ער האָט חתונה, ווערט אַ טאַטע און זי, שידה, די עקרת הבית, באַדינט די שנור, די אייניקלעך. מ׳רופט זי באָבע שידה און זי לויזט דאָס קליינוואַרג, פאַרפלעכט ביי די מיידעלעך די צעפּ, שנייצט־אויס ביי די אינגלעך די ניאַניעס, פירט זיי אין חדר, טראָגט זיי עסן, לייגט זיי שלאָפן. דערנאָך וואַקסן די אייניקלעך אויך אויס, שטעלן שוואַרצע חופות, אָנטשפּויזן זיך און טעכטער פון באַלעבאַטישע לאַפּיטוטן... דער מאַן אירער, הורמיז, ווערט אַ רבי ביי די שדים, גיט קמיעות, שפּרעכט־אָפּ קרייטעכער, קנעלט מיט שרעטלעך די תוכחה פון באַרג עבל, די קללות וואָס בלעם האָט געוואָלט שעלטן, די פאַרויסזאָגענישן פון די נביאי־שקר, די צורעדענישן פון חוה׳ס שלאַנג, די הינטערליסטיקייט פון די נפילים, די צעמישטע שפּראַכן פון דור הפלגה, דאָס פאַרברעך פון דור המבול, די קאַפּויערנישן פון סדום, די אייטלקייטן פון ירבעם און אַחאָב, איזבל און ושתי. הורמיז ווערט דער קעניג ביי די שדים. מ׳גיט אים אַ שטול אין תהומא דנוקבא רבא, טויזנט מייל ווייט פון דער אויבערפלאַך, וואו קיינער האָט נישט געהערט פון דעם מענטש און זיין שפּיל...

פלוצים האָט שידה אויפגעציטערט. אַ רויש האָט זיך דערהערט, אַ בויערניש, אַ טראַסקעניש, אַ געקלאַנג און געקלאַפּ ווי פון טויזנט האַמערס. כוזיבא האָט זיך געטאָן אַ טרייסל, אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערלעך געשריי.

— מאַמע!

— וואו גייט מען? וואו לויפט מען? גוואַלד, שדים, ראַטעוועט! — האָט שידה געשריגן מיט אַ באַנומען קול. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן כוזיבאַ׳ן, געפּרואווט מיט אים לויפן, אָבער פון אַלע זייטן האָט זיך דערטראָגן אַ טראַמאַך, אַ האַרמידער. פעלזן האָבן זיך געשפּאָלטן, שטיינער זיינען צעשפּרונגען. דאָס שמאָלע לאָך וואָס פירט אַראָפּ אין טיפערע קאַמערן (וואו ס׳וואוינען די רייכע) איז געוואָרן פאַרלייגט און פאַרשטאָפּט. ס׳האָט גערעגנט מיט שטויב, פונקען, שפּליטערס. אַ ליכט האָט זיך דורכגעריסן און — עפּעס גרעלס און גליאיקס וואָס האָט נישט קיין נאָמען אין שאול תחתיה. ס׳האָט געטאָן אַ בלענד און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ ריזיקער עגבער. שידה איז צוגעפאַלן צו דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, אָבער זי האָט אויך אויפגעריסן, געוואָרן צעשמעטערט אויף מילי־מיליאָסן שטיקער. ס׳האָט ווידער אויפגעבליצט אַ שיין און ס׳האָט דאָ אויך געבויערט אַן עגבער, — ריזיק און בליינד, שרויפיק און גרוליק, מיט אַ כח נישט פון דאַנען, מיט אַן אכזריות אויף יענער־זייט פון גוטס און שלעכטס, גרייט אַלץ צו צערייבן און

צעמאָלן... כוזיבא האָט גע'חלש'ט. ער האָט געטאָן אַ זיפץ און איז געוואָרן פאַרגליווערט אין אָנמאַכט. ער איז געהאַנגען אויף שידה'ס אָרעמס ווי טויט. שידה האָט אין איר באַדרענגעניש דערבליקט אַ שפּאַלט צווישן דער אָנגעוואָרפענער קופּע שטיינער און זי האָט זיך דאָרט פאַרבאָרגן. זי האָט געהויערט פול מיט פחד און דאָס וואָס זי האָט געזען, איז געווען פאָרכטיקער פון אַלע שרעק־בילדער וואָס ס'האָבן איר ווען־ס'איז געמאָלט באָבעס און עלטער־באָבעס אין די נעכט פון תקופת טבת.

די עגבערס האָבן זיך געטאָן אַ לעצטן דריי, די שטיינער האָבן אויפגעהערט פאַלן און אין רויך און שטויב האָבן זיך באַוויזן מענטשן, געגנוי ווי די מעשה־דערציילער האָבן זיי אויסגעמאָלט: הויך, צוויי־פיסיק, קויטיק, צויטיק, שטינקיק, מיט פאַרשמירטע פּנים'ער, ווייסע ציין און מיט אויגן וואָס ס'האָט אַרויסגעוואונקען פון זיי די רשעות, דער הויכמוט, די טראָציקייט. זיי האָבן געברילט אַ מיאוס'ן קוידערוועלש, געלאַכט אויסגעלאַסן, דערלאַנגט איינער דעם אַנדערן די לאַפּעס, געטאַנצט פון שאָדן־פרייד. דערנאָך האָבן זיי געזויפט אַ סמ'יק געטראַנק, וואָס פון דעם בלויזן גערוך איז שידה'ן געוואָרן איבלדיק. זי האָט געוואָלט אָפּמינטערן כוזיבא'ן פון דעם הינערפלעט אָבער זי האָט מורא געהאַט פאַר זיין וויי־געשריי און ער זאָל נישט שטאַרבן ביים אָנבליק פון די אומגעהייערן. זי האָט איצט געקאָנט טאָן איין זאַך — מתפלל זיין צום שטן, צו אַשמדאי, צו לילית און די אַנדערע כוחות וואָס פירן די גרענדע. העלף אונדז! — האָט זי גערופן פון דעם קלעם וואו זי האָט געשטעקט. — נישט אין מיין זכות, נאָר אין זכות פון מיין וואויל־געלערנטן מאַן, מיין אָפּגעציטערט קינד, מיינע אָוועקגעקומענע טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע... לאַנג, לאַנג האָט שידה געקניט אין דער ענגשאַפּט און פאַרגאָסן טרערן. ווען זי האָט ווידער געעפנט די וויעס, זיינען די העסלעכע געשטאַלטן געהאַט פאַרשוואונדן, דאָס געפּילדער האָט זיך איינגעשטילט, אָבער ס'איז געבליבן נאָך זיי אַ געשטאַנק, אַ הויפן מיסט און ליכט וואָס האָט געהאַנגען אין דער הויך ווי אַ קנויל גרויל. ערשט איצט האָט שידה אויפגעוועקט דעם פאַרשמאַכטן זון.

— שטיי־אויף, כוזיבא, שטאַרק דיך! — האָט זי גערופן. — מיר זענען אין אַ ביטערער סכנה.

כוזיבא האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— וואָס איז דאָס? אוי, מאַמע, ליכט!

לאַנג האָט כוזיבא געפלאַטערט און געהוילט, אָבער שידה האָט אים געקושט געהאַלדזט, איינגענומען, געטרייסט. מאַמע־און־זון האָבן דאָ מער נישט געקאָנט בלייבן אין דער צעשטערטער נעסט. זיי האָבן געמוזט אַנטרינען. אָבער וואוהין? דער וועג צו הורמיזן איז געוואָרן אָפּגעשניטן. שידה איז איצט אַן עגונה, כוזיבא — אַ לעבעדיקער יתום. מאַמע־און־זון האָבן זיך געלאָזט קריכן אַרויף, צו דער פלאַך. שידה האָט אַמאָל געהערט פון איר זיידן, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין, אַז אויב מ'קאָן נישט אַרונטער, מוז מען אַריבער. ס'זענען אויבן אויך פאַראַן היילן, זומפּן, קברים, פינצטערע ווינקלען, וויסטע וועלדער, ליידיקע מדבריות. נישט די גאַנצע פלאַך האָט דער מענטש באַדעקט מיט זיין שאַלקהאַפּטיקייט. ס'לעבן דאָרט אויך שדים, שרעטלעך, רוחות, קליפּות. אַוודאי שמאַכטן זיי אין גלות, די פליטים. אָבער בעסער גלות איידער קנעכטשאַפט. ווייל דער לעצטער נצחון געהערט דער פינצטערניש. ביז דאַמאָלט מוזן פאַרוואָגלטע חיצונים ליידן געדולדיק. אַ צייט וועט קומען, האָט שידה געוואוסט, ווען דאָס ליכט פון דער וועלט וועט אויסגיין, אַלע שטערן וועלן ווערן פאַרלאָשן, אַלע קולות — פאַרשוויגן, אַלע פלאַכן — פאַרשניטן, גאָט און שטן וועלן זיין איינס. דאָס געדעכעניש פון מענטש און זיין אומווערדיקייט וועט בלייבן אַ פאַרבלענדעניש און אַ בייזער חלום וואָס גאָט האָט אויסגעבייטלט, — צו פאַרשפּילן זיך אַליין און זיין אייביקע נאַכט...

Kuziba, with a terrible sigh, fainted. He hung in Shiddah's arms as if he were dead. Shiddah saw a crevice among some stones and crawled in. She huddled there stiff with fear. What she saw was more horrible than all the horror stories she had ever heard from all the old grandmothers and great-grandmothers. The drills turned a last time and then were silent. The stones stopped falling and in the smoke and dust men appeared—tall, two-legged, dirty, stinking, with white teeth in faces black with tar, and with eyes from which glared iniquity, malice, and pride. They spoke an ugly gibberish; laughed with abandonment; danced; stretched out their paws to one another. Then they began to drink a poisonous beverage, the sheer smell of which made Shiddah faint. She wanted to rouse Kuziba, but she was afraid, if he came to, he would begin screaming, or even might die at the sight of such monsters. The only thing Shiddah could do now was pray. She prayed to Satan, to Asmodeus, to Lilith, and to all the other powers which maintain creation. Help us, she called from the cranny in which she was hiding, help us, not because of my merit but because of the merit of my scholarly husband, because of my innocent child and my worthy ancestors. Long, long, Shiddah knelt in the crack in the stones and prayed and wept. When she again opened her eyes, the ugly images had gone and the noise had subsided. What remained was garbage, a stench, and a ball of light which hung above her head like fire from Gehenna. Only now did she wake up her son.

"Kuziba, Kuziba. Wake up!" Shiddah called to her son. "We are in great danger!"

Kuziba opened his eyes.

"What is this? Oh mother. Light!"

The boy trembled and screamed. For a long while Shiddah comforted him, kissing him and caressing him. But they could not stay there any more. They had to find refuge. But where? The road down to Hurmiz was cut off. Shiddah was now a grass widow, Kuziba a fatherless child. There was only one way to go. Shiddah had heard the saying that if you cannot go down you have to go up. Mother and son began to climb to the surface. Up there, there would also be caves, marshes, graves, dark rocky crevices; there too, she had heard, there were dense forests and empty deserts. Man had not covered the whole surface with his greed. There, too, lived demons, imps, shades, hobgoblins. True, they were refugees, exiles from the netherworld. But still, exile is better than slavery.

For Shiddah knew that the last victory would be to darkness. Until then, demons who were forsaken or driven-out would have to suffer patience. But a time would come when the light of the Universe would be extinguished. All the stars would be snuffed out; all voices, silenced; all surfaces, cut off. God and Satan would be one. The remembrance of man and his abominations would be nothing but a bad dream which God had spun out for a while to distract himself in his eternal night.

*Translated by Elizabeth Pollet*